**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/5/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גראטולירט 20 נייע גראדואירטע קאדעטן פון די ניו יארק סטעיט פארק פאליציי אקאדעמיע**

***נייע אפיצירן העלפן באשיצן פארק סיסטעם'ס רעקארד-הויכע צאל פון 84 מיליאן יערליכע באזיכער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט 20 נייע גראדואירטע קאדעטן פון די 18'טע בעיסיק סקול פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג ( Office of Parks, Recreation and Historic Preservation, "סטעיט פארקס אפיס") פאליציי אקאדעמיע. נאך זעקס חודשים פון אינטענסיווע טרענירונג, וועלן די נייע אפיצירן ארויסגעשיקט ווערן צו ספעציפישע ראיאנען צו דינען ניו יארק'ס 250 פארקס און סטעיט היסטארישע ערטער. לעצטע יאר האבן די פלעצער צוגעצויגן א רעקארד פון 84 מיליאן באזוכן.

"היינט אנערקענען מיר 20 נייע אפיצירן וואס האבן זיך וואלונטירט צו באשיצן די מענטשן פון ניו יארק", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די מיטגלידער פון די ניו יארק סטעיט פארק פאליציי ארבעטן יעדן טאג צו באשיצן אונזערע סטעיט פארק באזיכער, נוצנדיג זייער ספעציאליזירטע טרענירונג זיך צו אפרופן צו אלע סארטן מצבים. אין נאמען פון אלע ניו יארקער: גראטולירנדע וואונטשן און א דאנק פאר אלע גראדואירטע און זייערע פאמיליעס."

די גראדואירונג איז אפגעהאלטן געווארן היינט אין די Hall of Springs ביי סאראטאגע ספּא סטעיט פארק. פאר די פארגאנגענע זעקס חודשים זענען די רעקרוטן געווען אין א טרענירונג איינריכטונג ביי די סטעיט פארק פאליציי אקאדעמיע אין רענסעליערוויל, אלבאני קאונטי.

**ניו יארק סטעיט פארקס אפיס צייטווייליגער קאמישאנער, רענדי סימאָון, האט געזאגט,** "נאכן אריבערגיין אינטענסיווע טרענירונג, זענען מיר שטאלץ צו ענטפאנגען די נייע גראדואירטע קאדעטן אין די ראנגען פון אונזער פארק פאליציי. זייער איבערגעגעבנקייט וועט העלפן היטן אויף א זיכערע אוןווארעם אויפנעמנדע אטמאספערע פאר די מיליאנען באזיכער וואס קומען יעדעס יאר. אזוי ווי מיר פייערן אונזער סיסטעם'ס הונדערטסטע יארטאג, ווילן מיר לאזן וויסן פאר אונזערע באזיכער איבער די שטיצע פון גאווערנער האקול, די לעגיסלאטור און אונזער געזעץ אינפארסירונג פירערשאפט וואס העלפן האלטן די פארקס און ערטער זיכער."

**סטעיט פארקס אפיס געהילף דירעקטאר פון די פארק פאליציי, קאלאנעל מייקעל דעדאַנע, האט געזאגט,** "מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר די נייע קלאס פון פארק פאליציי אפיצירן. אייער איבערגעגעבנקייט און די שטיצע פון אייערע פאמיליעס מאכן דאס פאר א גאר וויכטיגער טאג. איך קוק ארויס צו די קומענדיגע טריט ביים לערנען פון אונזער איבערגעגעבענע מאנשאפט ביי די ניו יארק סטעיט פארק פאליציי. זייער טרענירונג גרייט זיי צו פאר א פרואווגדע און סיפוק'דיגע קאריערע – פון געזעץ

אינפארסירונג, פארשונגען און עקסטרעמע וועטער – אויף ניו יארק סטעיט'ס וועלדער, וואסער שטרוימען און טרעילס."

טרענירונג פאר רעקרוטן באשטייען פון לעקציעס אין די קלאסצימער אין קרימינאלע פראצעדור געזעץ, שטראפן געזעץ, וויהיקל און טראפיק געזעץ, פארק און פארוויילונג געזעץ, קרימינאלע פארשונגען און א רייע פון אנדערע פאליציי-פארבינדענע נושאים. אין צוגאב האבן די רעקרוטן באקומען פראקטישע טרענירונג מיט הייסע וואפן, ערשטע הילף, דרייווען א סנאָו-מאָוביל, דרייווען אן ATV, דרייווען אן עמערדזשענסי קאר און א ברייטע רייע פון אנדערע געזעץ אינפארסירונג-פארבינדענע נושאים. די נייע אפיצירן וועלן אנהויבן א 10-וואכיגע פעלד טרענירונג פראגראם אום אפריל 8, וואו זיי וועלן באקומען טרענירונג אונטער אויפזיכט פון הויכראנגיגע אפיצירן, נאכגעפאלגט מיטן ארויסגעשיקט ווערן פאר פאטראל פליכטן.

די פאלגנדע גראדואירטע קאדעטן האבן באקומען ספעציעלע אויסצייכענונגען:
- אפיציר רייען לי פון מעסעפּיקווע, NY, פירערשאפט אויסצייכענונג
- אפיציר בענעדיקט רייצעל פון **בעי שאָור**, NY, אקאדעמישע עררייכונג אויסצייכענונג
- אפיציר בענעדיקט רייצעל פון **בעי שאָור**, NY, פיזישע טיכטיגקייט אויסצייכענונג
- אפיציר בעילי פאלדעטא פון **לאגראנדזשוויל**, NY, הייסע וואפן געניטשאפט אויסצייכענונג

נעמען, היימשטעט און ראיאן וואו די גראדואירטע קאדעטן ווערן געשיקט זענען אויסגערעכנט אונטן:

| **נאמען (היימשטאט)** | **דיסטריקט / זאנע וואו געשיקט נאך פעלד טרענירונג** |
|---|---|
| אפיציר דזשאן אָוקאנאר (פּלעינוויו) | מערב/ניאגרא |
| אפיציר ניקאלאס פּעקענאווסקי (לענקעסטער) | מערב/ניאגרא |
| אפיציר וויליאם גירזאָן (איסט אמהערסט) | האדסאן וואלי/ניו יארק סיטי |
| אפיציר קיט סוואָרץ (פילמאָור) | מערב/אלעגאני |
| אפיציר טיילער עריקסען (האמבורג) | מערב/אלעגאני |
| אפיציר דזשעראד ראָפּעל (ראטשעסטער) | מיד-סטעיט/פינגער לעיקס |
| אפיציר לאורענס קרון (ווען הארנעסוויל) | האדסאן וואלי/פּאַליסעידס |
| אפיצירין לאורען קינען (גלענס פאָלס) | האדסאן וואלי/פּאַליסעידס |
| אפיציר קייל אגדען (קווינס) | האדסאן וואלי/פּאַליסעידס |
| אפיציר קייל פאָס (מאנטיסעלאָו) | האדסאן וואלי/פּאַליסעידס |
| אפיציר דזשאָוהען ווארום (טאמקינס קאָוו) | האדסאן וואלי/פּאַליסעידס |
| אפיציר דימיטריאָוס קריסטאדולו (מאהיגען לעיק) | האדסאן וואלי/פּאַליסעידס |
| אפיציר בעילי פאלדעטא (לאגראנדזשוויל) | האדסאן וואלי/ניו יארק סיטי |
| אפיצירין ראקעל קאסאנאָו (גאַרדען סיטי סאוט) | האדסאן וואלי/ניו יארק סיטי |
| אפיציר ברייען דורקען (נעסקאנסעט) | האדסאן וואלי/ניו יארק סיטי |
| אפיציר רייען לי (מעסעפּיקווע) | האדסאן וואלי/ניו יארק סיטי |
| אפיציר ברענדען מוסעלעם (וועסט העמפּסטעד) | האדסאן וואלי/ניו יארק סיטי |
| אפיציר מייקעל אָלסען (פּעטשאָג) | האדסאן וואלי/ניו יארק סיטי |
| אפיציר מייקעל סימאנס (מעריק) | האדסאן וואלי/ניו יארק סיטי |

| | |
|---|---|
| אפיציר בענעדיקט רייצעל (בעי שאָור) | האדסאן וואלי/פּאַליסעידס |

די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג איז פאראנטווארטליך איבער מער פון 250 פארקס, היסטארישע פלעצער, פארוויילונג טרעילס, גאָלף קורסעס, שיפלעך פארטן און מער, וואס האבן געזעהן דורך א רעקארד-הויכע צאל פון 84 מיליאן באזוכן אין 2023. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט www.parks.ny.gov, דאַונלאָודט די אומזיסטע NY State Parks Explorer עפּ אדער רופט 518.474.0456: שליסט זיך אן מיט אונז ביים פייערן אונזער הונדערטסטע יארטאג דורכאויס 2024, און פארבינדט זיך מיט אונז אויף Facebook, Instagram, X (וואס פלעגט הייסן Twitter) און אויף די OPRHP 'בלאָג'.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן